ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## בהר

**(חלק כז שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בהר־בחוקותי, טז־כב אייר, ה׳תשפ״ו (א)

לעילוי נשמת

האשה הצנועה וחשובה

מרת **בוליסה אסתר** בת ר׳ **חיים** ע״ה

נפטרה כ״ג אייר ה׳תשפ״ד

•

ולעילוי נשמת בעלה

ד״ר **פיטר** בן ר׳ **מנחם** ע״ה

**שאטון**

❁

נדפס ע״י

**חב״ד ליובאוויטש בסאוטה דקוטה**

Likkutei Sichot

Copyright © 2026
by

Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בהר ב

א. מ׳האָט שוין פיל מאָל גערעדט, אַז רש״י בפירושו על התורה פאַרענטפערט אַלע שאלות וואָס ווערן נתעורר בפשוטו של מקרא (און אין די ערטער וואו רש״י געפינט ניט קיין ענטפער (לויט׳ן דרך הפשט) — זאָגט ער „איני יודע״ וכיו״ב[1]).

דאַרף מען לפ״ז האָבן אַ ביאור:

אין אָנהויב פון אונזער סדרה זאָגט די תורה די דינים פון שמיטת קרקעות, און דערנאָך — די דינים פון יובל (ובהמשך לזה — „וכי תמכרו גו׳ אל תונו גו׳״[2]). און נאָך די דינים פון שמיטה ויובל כו׳ זאָגט די תורה[3]: ועשיתם את חוקותי גו׳ ונתנה הארץ פרי׳ גו׳ וכי תאמרו מה נאכל גו׳ וצויתי את ברכתי גו׳ וזרעתם גו׳.

דאַרף מען פאַרשטיין: די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל גו׳״[4] שטעלט זיך דאָך גלייך ביים לערנען די דינים פון שמיטה „ושבתה הארץ שבת לה׳ גו׳ שדך לא תזרע גו׳ לא תבצור גו׳״[5]; פאַרוואָס פאַרענטפערט תורה די שאלה פון „מה נאכל״ ערשט לאחרי די דינים פון יובל[6] (און אויך — „וכי תמכרו גו׳ אל תונו גו׳״)?

— ווען דער ענין וואָלט געווען ניט באופן של שאלה („וכי תאמרו מה נאכל גו״ והתשובה — „וצויתי גו׳״), וואָלט מען געקענט פאַרענטפערן אַז וציוויתי גו׳ קומט בהמשך צו די ברכות וואָס דער אויבערשטער זאָגט צו אידן פאַר מקיים זיין די מצות פון שמיטה ויובל[7] („ועשיתם את חוקותי גו׳״) — „וישבתם על הארץ לבטח ונתנה הארץ פרי׳ גו׳ וצויתי את ברכתי גו׳ ועשת את התבואה לשלש השנים״;

וויבאַלד אָבער די תורה איז דאָ אויסן צו אַראָפּנעמען די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל״, האָט מען דאָס געדאַרפט באַוואָרענען באַלד ווען די שאלה ווערט נתעורר (גלייך באַם אָנזאָגן דעם דין פון שמיטה[8]).

עס זיינען פאַראַן מפרשים[9] וואָס לערנען, אַז די פסוקים „וכי תאמרו גו׳ וצויתי את ברכתי גו׳ לשלש השנים״ באַציִען זיך (אויך) אויף יובל (שלאחר שמיטה), וואָס דעמאָלט טאָר מען ניט אַקערן און זייען כו׳ צוויי יאָר נאָכאַנאַנד (שנת השמיטה און שנת היובל), און אויף דעם זאָגט תורה „וצויתי את ברכתי גו׳ לשלש השנים״ — און דער־

1) פרש״י תולדות כח, ה. ועוד (נסמנו בלקו״ש ח״ה ע׳ 1 הערה 2 בשוה״ג).

2) כה, יד ואילך.

3) שם, יח ואילך.

4) שם, כ.

5) שם, ב־ה.

6) כמו שהקשה באלשיך כאן. ועוד.

7) להעיר מפרש״י עה״פ (שם, יח) שבעון שמיטה כו׳ כנגד שבעים שמטות כו׳ — ולא הזכיר „יובל״. אבל ראה פרש״י בחוקותי (כו, לה) „כנגד ע׳ שנות השמטה ויובל כו׳״ (ע״ש החשבון). ולהעיר מאברבנאל פרשתנו כאן (בסוף „הדרך הג׳״) „היובל בכלל השמטות הוא״.

8) אבל אין להקשות מדוע לא נאמר זה בציווי על שמיטה לעיל בפ׳ משפטים (כג, יא) או פ׳ תשא (לד, כא) — כי שם נאמר הציווי רק בכללות (וראה רש״י רמב״ן ועוד ריש פרשתנו).

9) ראב״ע (שם, יז), רמב״ן (שם, כ), אברבנאל (בדרך הא׳ „והטענה הג׳״), ועוד.

פאַר שטייען די פסוקים הנ״ל נאָך די דינים פון יובל.

אָבער אין פרש״י קען מען אַזוי ניט איינלערנען, ווייל רש״י[10] לערנט אַז די פסוקים „וצויתי את ברכתי גו׳ וזרעתם את השנה השמינית גו׳״ ריידן ניט וועגן „שמיטה השביעית״ (וואָס קומט גלייך בסמיכות פאַר יובל), נאָר — „מקרא זה נאמר בשאר השמטות כולן״ (ניט לפני שנת היובל).

ועפ״ז איז תמוה[11]: פאַרוואָס באַוואָרנט עס ניט רש״י, ווי אַזוי וואַרט מען מיט „מקרא זה״, ביז נאָך די דינים פון יובל כו׳?

ב. נאָך אַ שאלה וואָס רש״י האָט לכאורה געדאַרפט באַוואָרענען:

פון דעם לשון הכתוב „וכי תאמרו מה נאכל״ איז משמע אַז עס איז ודאי אַז מען וועט אַזוי פרעגן

[וואָרום אויב כוונת הכתוב איז „שמא תאמרו״ — וואָלט מער געפּאַסט דער לשון „ואם[12] תאמרו״ (ע״ד „ואם אמור יאמר העבד״[13])],

וע״ד ווי רש״י איז מפרש דעם פסוק[14] (בנוגע אַ נביא השקר[15]) „וכי תאמר בלבבך איכה נדע גו׳״ — „עתידים אתם לומר[16] כשיבא חנני׳ כו׳״.

איז ניט גלאַטיק: פאַרוואָס נוצט תורה אַ לשון וואָס מיינט „עתידים אתם לומר״, כאילו אַזוי דאַרף זיין דער סדר ההנהגה[17]? —

ולכאורה: דאָס פרעגן „וכי תאמרו מה נאכל״ ווייזט (לכאורה)[18] אַז מען פאַרלאָזט זיך ניט אינגאַנצן, ח״ו, אויפן אויבערשטן. וע״ד ווי מען האָט שוין געלערנט ביי אברהם׳ן אַז אַ סימן אויף „והאמין בה׳״ איז ווען „לא שאל לו אות״[19].

נאָכמער: גלייך פאַר דער שאלה „וכי תאמרו גו׳״ שטייט אין פסוק (כנ״ל):

10) פרשתנו שם, כב. וראה גם פרש״י שם, כא ובמפרשים שם.

11) ראה גם אברבנאל כאן שהקשה על פרש״י.

12) וי״ל שזוהי ג״כ הקפידא — שאמר משה „והן״ ולא „ואם״ (שמות ד, א־ב ובפרש״י).

13) משפטים כא, ה. וראה גם ויצא לא, ח.

14) שופטים יח, כא. וראה רא״ם וגו״א שם, שהוכחת רש״י היא מלשון „כי״ (ובבאר יצחק שם — שהיא מ„וכי״, בתוספת וא״ו, והרי גם כאן נאמר „וכי תאמרו גו׳״. אבל בלבוש שם שהוכחת רש״י היא מהמשך הכתוב, ע״ש).

ולהעיר מפרש״י עקב (ז, יז — הובא בלבוש ובאר יצחק הנ״ל) „כי תאמר . . על כרחך לשון דילמא הוא שמא תאמר כו׳ ולא יתכן לפרשו כו׳״ (ומשמע שאי״ז פי׳ הפשוט). אבל ראה לקו״ש חי״ד ע׳ 78 הערה 3. וראה הערה 16. ואכ״מ.

15) ראה גם רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״י ה״א, שם ה״ד (בהשיעור דיום א׳ פ׳ בהר תשד״מ).

16) וכמפורש בתו״כ פרשתנו עה״פ — „וכי תאמרו עתידים אתם לומר״ (וראה מלבי״ם כאן). ולכאורה מה שלא העתיק רש״י זה בפירושו כאן — כי זהו פי׳ הפשוט (ומה שפי׳ כן בפ׳ שופטים, הוא בעיקר בשביל המשך פירושו שם — „כשיבא חנני׳ כו׳״).

בפרש״י ר״ה (ג, א ד״ה כדריש לקיש) מפורש ד„וכי תאמרו מה נאכל״ הוא ל׳ דילמא, שמא. אבל פרש״י על הש״ס — הוא פשוטו של הש״ס, דרך ההלכה. וראה לקו״ש חי״ד הנ״ל. ועצ״ע.

17) לכאורה אפ״ל שהוא מפני שע״פ טבע, שהכתוב מדבר „בהווה״* — יהיו אנשים שישאלו כן (וראה מלבי״ם כאן). ולהעיר שגם בנ״י במדבר שאלו „מה נשתה״ (בשלח טו, כד), „מי יתן מותנו גו׳״ (שם טז, ג) ועוד, אף שראו הנסים במצרים וקרי״ס כו׳.

אבל — באם שאלה זו היא בלתי רצוי׳, לכאו׳ הו״ל לרש״י לפרש כן.

18) ראה ספורנו כאן.

19) לך טו, ו ובפרש״י.

*) רש״י משפטים כא, כח. ובכ״מ.

„ונתנה הארץ פרי׳ ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עלי׳״. און רש״י איז מפרש: „ונתנה הארץ וגו׳ וישבתם לבטח עלי׳ — שלא תדאגו משנת בצורת; ואכלתם לשובע — אף בתוך המעים תהא בו ברכה״.

איז ביותר תמוה[20]: נאָך דעם ווי די תורה זאָגט אַז דער אויבערשטער איז מבטיח אַז עס וועלן ניט זיין קיינע דאגות מצד חסרון התבואה און אַז עס וועט זיין אַ ברכה בלתי טבעית אין דער תבואה („אף בתוך המעיים״) — ווי פּאַסט גלייך דערנאָך די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל״, ובפרט מיטן לשון „וכי״ — „עתידים אתם לומר״?!

— און מען געפינט ניט לכאורה אַז רש״י זאָל פאַרענטפערן די שאלה בפירושו.

ג. ויש לומר אַז דער טעם פאַרוואָס רש״י בפרשתנו זאָגט ניט קיין תירוץ אויף די שאלות האמורות אין „וכי תאמרו״ — איז ווייל בשעת אַ בן חמש למקרא לערנט אין חומש וועגן אַ שאלה אויף אַ מצוה מיט׳ן לשון „וכי תאמרו״, דערמאָנט ער זיך אויפן ערשטן מאָל וואו ער האָט געלערנט כעין זה — פריער אין סוף פרשת בא[21]: והי׳ כי ישאלך בנך גו׳; און געדענקענדיק וואָס רש״י איז דאָרט מפרש דעם „כי ישאלך בנך גו׳״, ווערן ביי אים לויט דעם בדרך ממילא פאַרענטפערט די שאלות האמורות בפרשתנו:

דער פסוק דאָרט זאָגט „והי׳ כי ישאלך בנך לאמר מה זאת״. שטעלט זיך רש״י אויף „מה זאת״ און איז מפרש: „זה תנוק טפש שאינו יודע להעמיק שאלתו וסותם ושואל מה זאת, ובמקום אחר הוא אומר[22] מה העדות והחוקים והמשפטים וגו׳ הרי זאת שאלת בן חכם. דברה תורה כנגד ארבעה בנים תם[23] רשע ושאינו יודע לשאול והשואל דרך חכמה״.

איז ניט פאַרשטאַנדיק: למאי נפק״מ אין פ׳ בא צו וויסן אַז „במקום אחר״ איז אויך דאָ אַ „שאלת בן חכם״ (ובמילא, „דברה תורה כנגד ארבעה בנים כו׳״)?

אפילו אויב מ׳זאָל זאָגן אַז רש״י וויל לאָזן וויסן (מאיזה טעם שהוא) אַז עס זיינען פאַראַן „ארבעה בנים״ — איז ניט גלאַטיק, פאַרוואָס זאָגט ער דאָס ניט פריער:

בפירושו אויפן פסוק[24] „ועבדת את העבודה הזאת״ זאָגט ער „חזר ושנאה בשביל דבר שנתחדש בה, בפרשה ראשונה נאמר[25] והי׳ כי יאמרו . . בבן רשע הכתוב מדבר . . וכאן והגדת לבנך[26] בבן שאינו יודע לשאול״ — האָט

---

20) ראה ספורנו וכלי יקר (וראה גם מלבי״ם) כאן. אבל ראה לקמן הערה 39.

21) יג, יד. וראה שם לפנ״ז יב, כו. וראה לקמן בארוכה.

22) ואתחנן ו, כ.

23) בדפוס ראשון דפרש״י (ועד״ז בכמה כת״י רש״י שתח״י): רשע ושאינו מבין לשאול והשואל דרך סתומה והשואל דרך חכמה (ולפ״ז נמנו כפי סדרם בקרא*). אבל בדפוסי רש״י שלפנינו (וכ״ה בדפוס שני דפרש״י) הוא כבפנים. — הטעם לסדרם בפרש״י (לפי גירסא זו הנפוצה) נתבאר בההתועדות (דליל ב׳ פסח) בה נאמרה שיחה זו.

24) יג, ה.

25) בא יב, כו.

26) שם יג, ח (ולהעיר מפרש״י שם, שיש בפסוק דשאינו יודע לשאול גם „רמז תשובה לבן רשע״. וראה מפרשי רש״י. מפרשי הגש״פ בפי׳ רשע מה הוא אומר. וראה לקמן הערה 35).

*) ובכת״י רש״י אחדים שתח״י נמנו בפרש״י כסדרם במכילתא (והגש״פ) וירושלמי שבהערה 28.

ער דאָרט געדאַרפט באַוואָרענען מ'זאָל ניט מיינען אַז „דברה תורה" בלויז כנגד שני בנים, נאָר אַז ווייטער אין דער פרשה קומט צו (אויך) שאלת ה„טפש", „ובמקום אחר . . שאלת בן חכם", אַזוי אַז „דברה תורה כנגד ארבעה בנים"[27].

ד. וי"ל דעם ביאור אין דעם:

בכלל איז מען געוואוינט צו טייטשן די ווערטער „דברה תורה כנגד ארבעה בנים" בשייכות צום חיוב פון סיפור ביציאת מצרים בליל פסח — אַז די „שאלות" פון די בנים זיינען בנוגע די מצות פון ליל פסח; און „דברה תורה כנגד ארבעה בנים" מיינט אַז תורה זאָגט אָן מ'זאָל ענטפערן יעדערן פון די בנים לפי ענינו — אָבער אַלץ בנוגע לליל פסח.

איז אמת טאַקע אַז דאָס איז דער מכוון פון די ווערטער לויטן דרך ההלכה (און ווי עס שטייט אין מכילתא[28], און אַזוי זאָגט מען אין הגדה של פסח) —

אָבער פרש"י על התורה איז ענינו צו מפרש זיין פשוטו של מקרא, און אין פשטות הכתובים, איז די שאלה פון דעם „תנוק טפש" (ניט וועגן די מצות פון ליל פסח, נאָר) בנוגע למצות בכור[28*], וואָס בהמשך לזה שטייט זיין שאלה.

[לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י נוצט דעם לשון „זה תנוק טפש[29] שאינו יודע להעמיק שאלתו", און ניט — „תם" (ווי דער לשון איז אין מכילתא[30] והגדה של פסח; ובפרט אַז רש"י אַליין איז ממשיך (לויט דער גירסא הנפוצה בפרש"י[31]) „דברה תורה כנגד ארבעה בנים תם כו'")

— ווייל פדיון בכור איז אַ מצוה וואָס האָט ניט קיין סך פרטים, אַזוי, אַז אויך אַ בן וואָס איז ניט קיין חכם (אַ תם) קען זיך אויך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם, און ער וועט דעריבער ניט פרעגן סתם „מה זאת"; און דער וואָס פרעגט יע „מה זאת" איז עס נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ „תנוק טפש".

משא"כ דער „תם" פון דער הגדה, וואָס זיין שאלה איז וועגן די מצות פון פסח, קען שוין זיין פון אַ העכערן סוג (ניט קיין „טפש"), ווייל בליל פסח איז פאַראַן אַ ריבוי סוגי מצות (עדות, חוקים און אויך משפטים), אין וועלכע עס איז שווער צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אפילו פאַר אַזאַ וואָס איז ניט קיין „טפש", און די שאלה „מה זאת" ווייזט נאָר אַז דער שואל איז אַ „תם"[32]].

ועד"ז איז אויך די שאלת בן חכם בפשוטו של מקרא ניט בנוגע ליל פסח, נאָר ער פרעגט וועגן מצות אין אַלגע־מיין — „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה"א אתכם" (און מ'ענטפערט אים „עבדים[33] היינו גו' ויוציאנו גו' ויצונו גו' את כל החוקים האלה ליראה גו'", וואָס דערמיט ווערן געמיינט אַלע מצות התורה).

ועפ"ז איז מובן בפשטות פאַרוואָס רש"י ברענגט ניט די שאלות פון דעם „תנוק טפש" און „שאלת בן חכם" פריער

27) אבל אפשר לתרץ (בדוחק עכ"פ) שרש"י סומך על פירושו בסוף הפרשה, מכיון שהוא עדיין באותו ענין.

28) ס"פ בא עה"פ והי' כי ישאלך. ובירושלמי פסחים פ"י ה"ד (בכמה שינויים).

*28) וכפי' התיב"ע, ספורנו, אוה"ח ועוד שם. וראה לקו"ש חל"א ע' 66 ואילך.

29) וכ"ה בירושלמי שם. יל"ש בא שם. ועוד.

30) בא שם.

31) משא"כ להגירסא שהובאה לעיל הערה 23.

32) וראה לקמן הערה 36.

33) ואתחנן שם, כא ואילך.

ווען ער רעדט וועגן שאלת הרשע און שאינו יודע לשאול — ווייל דאָס זיינען אינגאַנצן באַזונדערע ענינים:

פריער רעדט זיך וועגן דער שאלת בן רשע און וועגן דעם „והגדת" (צום שאינו יודע לשאול) בשייכות צו די מצות בליל פסח; האָט עס ניט קיין שייכות מיט שאלת ה„טפש" וועגן מצות פדיון בכור, ועד"ז ניט מיט שאלת בן חכם וועגן „העדות והחוקים והמשפטים" (אַלע מצות, אין אַלגעמיין).

ה. עפ"ז ווערט אָבער נאָך שטאַרקער די פריערדיקע שאלה: פאַרוואָס איז רש"י מוסיף (בהמשך צו „זה תנוק טפש . . ושואל מה זאת") „ובמקום אחר הוא אומר . . שאלת בן חכם" — ע"פ הנ"ל האָט דאָך די „שאלת בן חכם" קיין שייכות ניט מיט שאלת ה„טפש" (וואָס איז אַ שאלה בלויז אויף פדיון בכור)!

ולאידך: אויב רש"י פאַרבינדט זיי יע (אע"פ אַז זייערע שאלות זיינען ניט אין די זעלבע ענינים) — פאַרוואָס פאַרבינדט זיי ניט רש"י פריער, ביי שאלת הבן רשע און שאינו יודע לשאול (כנ"ל)?

איז די הסברה בזה:

בשעת מען לערנט אַז בליל פסח איז דאָ אַ ציווי צו פאַרענטפערן די שאלה פון אַ בן רשע, ועד"ז — „והגדת לבנך" (שאינו יודע לשאול), וואָלט מען גע־קענט לערנען, אַז דאָס איז אַ דין מיוחד ביי פסח: אַזוי ווי יציאת מצרים איז אַן ענין עיקרי בכל התורה כולה (ווי עס שטייט — בפשוטו של מקרא — אין אַ ריבוי פסוקים), מוז מען זיין זיכער אַז אַלע בנים ווערלן זיך משתתף זיין אין די מצות פון ליל פסח. ובפרט נאָך טענת פרעה „לכו נא הגברים" — און ניט „טפכם"[34].

ומהאי טעמא זאָגט אָן די תורה, אַז אידן זאָלן זיך פאַרנעמען אויך מיט אַ בן רשע און שאינו יודע לשאול, ווייל ביי די צוויי סוגים איז דאָ אַ חשש, אַז אויב מ'וועט זיי ניט מבאר זיין די מצות פון ליל פסח, וועלן זיי ניט מקיים זיין די מצות: דער בן רשע איז דאָך אַזאַ וואָס (בלשון רש"י[24]) „הוציא את עצמו מן הכלל" — מוז מען אים צוריק „מכניס" זיין אין דער „עבודה הזאת" פון „זבח פסח"[35]; און אַ שאינו יודע לשאול איז אַזאַ בן וואָס פאַרשטייט אפילו ניט אַז עס איז דאָ עפּעס וואָס צו פרעגן, אפילו ניט „מה זאת" — דאַרף מען אים אַריינ־ציען אין די מצות. און ווי רש"י[24] איז מבאר דעם ענין פון „והגדת לבנך" — „והכתוב מלמדך שתפתח לו אתה בדברי אגדה המושכין את הלב".

34) בא יוד, יא ובפרש"י שם.

35) בא (יב, כו־כז) — בהתשובה להבן רשע, שמזה מובן שע"י התשובה אליו („אשר פסח גו'") משתתף הוא ב„זבח פסח". ומה שפרש"י להלן שם (יג, ח) „תשובה לבן רשע לומר עשה ה' לי . . שאילו היית שם לא היית כדאי ליגאל" — הו"ע נוסף (ודלא כמ"ש במשכיל לדוד שם).

— ועפ"ז יש לבאר הטעם (ויתורץ) שנקט רש"י (שם) הלשון „לא היית כדאי ליגאל" (ע"ד ל' הירושלמי שם „ראוי להגאל") — ולא כלשון המכילתא (והגש"פ) „לא היית נגאל" — כי רק הרשעים שלא רצו לצאת ממצרים מתו בשלשת ימי אפילה (פרש"י בא י, כב. שמו"ר פי"ד, ג. תנחומא וארא יד. ונת' בלקו"ש חי"א ע' 3 ואילך) ולא נגאלו ממצרים. אבל זה שהבן רשע „הוציא את עצמו מן הכלל" בנוגע לק"פ (מצה ומרור), אבל מודה הוא בשייכותו ליצי"מ — אינו מוציאו מיצי"מ, שלכן המענה אליו (דאילו הי' שם הי' נגאל (כמו שאר הרשעים בענינים אחרים (לא — באי רצון לצאת ממצרים) שיצאו ממצרים), אלא ש)לא הי' כדאי ליגאל. ועצע"ק ל' רש"י „עשה ה' לי ולא לך".

משא״כ ביי די סוגים פון „טפש״ (תם) און חכם וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ס׳איז ניט אַזוי וויכטיק צו פאַרענטפערן זייערע שאלות, ווייל לגבי זיי איז ניטאָ דער חשש אַז חסרון ההבנה וועט ברייננ־גען צו ניט מקיים זיין די מצוה — עס איז בלויז אַ בקשת טעם והסברה. און דערפאַר שטייט ניט אין תורה אַז (און וואָס) מען דאַרף זיי ענטפערן.

בשעת אָבער מען קומט צום פסוק „והי׳ כי ישאלך בנך״ ביי פדיון בכור, זעט מען אַז (א) אויך ביי אַנדערע מצות איז תורה מחייב צו ענטפערן אויף די שאלות פון אַ „בן״, און (ב) תורה זאָגט אָן (אַז און — וואָס) צו ענטפערן אויך אויף די שאלות פון אַ „תנוק טפש״ —

שטעלט זיך די שאלה: זיכער פרעגט אויך אַ בן חכם שאלות וועגן מצות, ואדרבא זייענדיק אַ חכם האָט ער מסתם מער שאלות — איז אויב מ׳דאַרף ענט־פערן די שאלה פון אַ „תנוק טפש״, איז עאכו״כ אַז די תורה האָט געדאַרפט באַוואָרענען צו פאַרנעמען זיך מיט די שאלות פון אַ בן חכם!

זאָגט רש״י — אין הכי נמי: ובמקום אחר הוא אומר . . שאלת בן חכם.

און דאָס איז דער דיוק לשון רש״י בהמשך לזה — „דברה תורה כנגד ארבעה בנים״: דערמיט מיינט רש״י — כפשטות הלשון — אַז תורה בכלל (ניט נאָר בשייכות מיט ליל פסח) רעדט וועגן אַלע „ארבעה בנים״, ד.ה. מען געפינט אין תורה (שבכתב) אַ הוראה מ׳זאָל ענטפערן די שאלות פון אַלע סוגי בנים, „תם[36] רשע ושאינו יודע לשאול והשואל דרך חכמה״.

ו. ע״פ הנ״ל — אַז „דברה תורה כנגד ארבעה בנים״ — פאַרשטייט מען, אַז אומעטום וואו מען געפינט אין תורה אַ „שאלה״ אויף אַ מצוה, דאַרף מען מברר זיין וועגן וועלכן סוג „בן״ עס רעדט דאָ די תורה.

[ס׳איז לאו דוקא אַ שאלה וואָס מען מוז באַוואָרענען בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום המצוה ביים שואל, אָדער אפילו אַ שאלה וואָס קומט מצד אַ ספק אָדער חלישות אין אמונה — עס קען זיין אַ שאלת בן חכם, וואָס דער צוועק פון זיין שאלה איז בכדי צו קלאָר מאַכן, פאַרשטיין פרטי הענין (ע״ד די שאלת בן חכם — מה העדות והחוקים והמשפטים)].

און אַזוי אויך בעניננו: דערמיט וואָס די תורה שטעלט די שאלה „וכי תאמרו״ ביים סיום פון דעם גאַנצן ענין (אויך נאָך די דינים פון יובל[37]), און נאָכמער — גלייך נאָך די ברכות והבטחות פון אויבערשטן „ונתנה הארץ פרי׳ ואכלתם לשובע גו׳״, מאַכט תורה קלאָר, אַז דאָ איז עס ניט אַ שאלה פון אַ „בן רשע״ וועמען מען דאַרף דורך דעם ענטפער באַוואָרענען ער זאָל מקיים זיין מצות

36) עפ״ז מובן הטעם שנקט רש״י כאן „תם״ ולא „טפש״ כבתחלת פירושו (אבל ראה לעיל הערה 23) — כי כוונת רש״י כאן היא לא להמדובר בפועל בפסוקים אלו דוקא, כ״א רש״י כותב כלל (בנוגע לכל התורה כולה) — „דברה תורה כנגד ארבעה בנים״. ולכן נקט הלשון „תם״ שהוא שם כללי (הכולל „טפש״ החסר רצון לחקור, לדעת וכו׳).

37) וגם לאחרי „ולא תונו״ (כה, יז) — שלא יהי׳ מקום לטעות שהשאלה „וכי תאמרו מה נאכל״ שייכת לקיום מצות (שמיטה או) יובל בנוגע לזריעת הארץ וכו׳.

— וע״פ המבואר בפנים יומתק ג״כ מה ששאלות ה„תם״ וה„חכם״ — אף שלפי ההלכה היא בשייכות להמצוות דליל פסח (ויצי״מ) — נכתבו בתורה לאחרי ההלכות דליל פסח (ובפרט שאלת בן חכם שנכתבה גם שלא בסמיכות לדיני פסח) — להדגיש שמקיימים הל׳ פסח ושאלתם היא, אדרבא, להוסיף בידיעה בעניני פסח, וכנ״ל בפנים סעיף ה.

שביעית (ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט די תורה באַוואָרנט גלייך ביים אָנזאָג פון מצות שביעית, כנ"ל) נאָר דאָס איז אַ „שאלת בן חכם"[38], און תוכן שאלתו איז:

לערנענדיק די הבטחות פון דעם אויבערשטן „ונתנה הארץ פרי' ואכלתם לשובע גו'" — ווייל אַ „בן חכם" פאַרשטיין די פרטי ואופני הברכה: אויף וועלכן אופן וועט קומען די ברכת ה'[39] אין די יאָרן ווען „לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו"?

[וואָרום עס קען זיין בכמה אופנים, און ביז — דורך געבן אין די יאָרן „מן" מן השמים, אַזוי ווי אין מדבר במשך פון ארבעים שנה — און מדי יום ביומו!].

— ענטפערט מען אים, אַז די ברכה וועט זיין אין אַן אופן אַז די ערד וועט אין דער שנה הששית אַרויסגעבן אַ ריבוי תבואה, „ועשת את התבואה לשלש השנים".

ז. בפנימיות הענינים:

מען האָט שוין גערעדט כמה פעמים[40] וועגן דעם וואָס די תורה שטעלט אַן ענין בדרך שאלה ותשובה — „וכי תאמרו מה נאכל גו' וצויתי את ברכתי גו'" — אַז וויבאַלד אַז „התורה היא נצחית"[41], קומט אויס אַז די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל" איז אַ שאלה נצחית. אויך נאָכדעם ווי מען האָט געזען די תוצאות טובות פון (דער תשובה —) „וצויתי את ברכתי גו'" ביי די פריערדיקע שמטות, קען קומען איבעראַנייעס די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל" —

ווייל שמיטה איז די עבודה פון ביטול היש, ד.ה. אַז בעצם איז דער „עובד" אַ „יש", נאָר ער איז מבטל זיין יש מצד קבלת עול מלכות שמים, און מצד זיין יש בלייבט ביי אים אַ נתינת מקום אויף אַ שאלה, קשיא — און יעדן מאָל באַזונדער דאַרף מען אים זאָגן „וצויתי את ברכתי גו'".

אָבער לפי ביאור הנ"ל, אַז דאָ רעדט זיך וועגן „שאלת בן חכם", וואָס זיינע שאלות זיינען דאָך ניט מצד היש ח"ו, נאָר, אדרבה, מצד החכמה — פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ שאלה ביי אַ „בן חכם"?

איז דער ביאור אין דעם: דער נס פון „וצויתי את ברכתי גו' בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים" איז ניט נאָר העכער פון טבע[42], נאָר ס'איז היפך הטבע לגמרי: לויט דרכי הטבע ווערט אַ שדה „שוואַכער" (מאָגערער) פון יאָר צו יאָר[43]

— ויתרה מזה — דער דרך הטבע איז איינער פון די טעמים[44] אויף שמיטת

---

38) להעיר מאוה"ח כאן.

39) בספורנו וכלי יקר (וראה גם מלבי"ם) כאן, ש„ואכלתם לשובע — בתוך המעים תהא בו ברכה" היא הברכה שיהי' מה לאכול בשנה השביעית, כי במעוט התבואה דשנה הששית „תהא בו ברכה (בתוך המעים)" ובמילא יהי' מה לאכול גם בשנה השביעית. אלא „וכי תאמרו מה נאכל" (שיהי' ספק אצלכם האם יהי' כן) אזי יתן ריבוי תבואה בפשטות, „ועשת את התבואה לשלש השנים".

אבל: (א) בפרש"י לא נזכר שברכה זו שייכת לשנה הששית דוקא, ובפשטות היא ברכה כללית שתהי' בכל השנים (ולא — בכדי שיהי' מה לאכול בשנה השביעית דוקא). (ב) משינוי לשון רש"י בפ' בחוקותי (כו, ה) „אוכל קמעא והוא מתברך במעיו" משמע, שכוונת רש"י בפרשתנו „אף בתוך המעים תהא בו ברכה" אינה להענין ד„אוכל קמעא כו'". וראה לקו"ש חי"ט ע' 116 הערה 14. ואכ"מ.

40) לקו"ש ח"ז ע' 172. וראה גם לקו"ש ח"א ע' 107. ועוד. ולהעיר מאו"ת (להה"מ) ריש פרשתנו.

41) תניא רפי"ז.

42) ראה בארוכה כלי יקר פרשתנו עה"פ (כה, ב) ושבתה גו'. וראה גם לקו"ש ח"ב ע' 9־548.

43) ראה כלי יקר שם (ועוד) בנוגע ל„שש שנים תזרע שדך גו'" (שם, ג).

44) מו"נ ח"ג פל"ט. ובאברבנאל פרשתנו הקשה עליו. וראה לקו"ש שם.

קרקעות „ושבתה הארץ שבת לה׳״ כדי „שתוסיף הארץ תבואתה ותתחזק בעמדה שמוטה״ —

און דוקא אין „שנה הששית״, ווען די ערד איז אין איר „שוואַכסטן״ מעמד ומצב, גיט זי אַרויס תבואה „לשלש השנים״!

און וויבאַלד דאָס איז אַ נס וואָס האָט ניט קיין אחיזה כלל אין טבע — ואדרבה: ס׳איז דוקא אין אַן אופן פון היפך הטבע לגמרי — אַן ענין וואָס איז לגמרי העכער פון שכל —

פרעגט דער בן חכם „וכי תאמרו מה נאכל״: אפילו נאָכן ענטפער פון „וצויתי את ברכתי״, בלייבט עס אַן ענין וואָס איז לגמרי העכער פון שכל.

ח. עס איז ידוע[45] אַז די „שש שנים״ און די „שנה השביעית״ זיינען כנגד די שית אלפי שנין דהוי עלמא און דעם אלף השביעי.

איז אין דעם פאַראַן די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית״[46]: געפינענדיק זיך „בשנה הששית״, אין דעם אלף הששי פאַר ביאת המשיח, וואָס די אַלע ענינים וגילויים פון ימות המשיח זיינען „תלוי במעשנו ועבודתנו״[47] איצטער — ווערט די שאלה „מה נאכל בשנה השביעית״: זייענדיק באלף הששי, וואָס מצד ירידת הדורות זיינען מיר „שוואַכער״ פון פריערדיקע דורות, אכשור דרא בתמי׳ — היינט ווי קענען מיר ממשיך זיין די גאולה, ברייגגען „בשנה השביעית״?

זאָגט דער אויבערשטער ומבטיח „וצויתי את ברכתי גו׳״, מען טוט די עבודה פון „שנה הששית״, די עבודה בזמן הגלות וועלכע איז מתוך מסירת נפש וביטול שלמעלה מטעם ודעת, גיט דער אויבערשטער די ברכה מלמעלה, אַז די זריעה פון שנה הששית — ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ס׳איז אַ „שדה כחושה״ כו׳ — וועט עס זיין בברכה, ובברכתו של הקב״ה, און נאָכמער — עס וועט זיין תבואה „לשלש השנים״, מ׳איז ממשיך די ענינים וגילויים פון לעתיד לבא גילוי אחר גילוי אחר גילוי — וועלכע טיילן זיך בכלל אין דריי עליות[48] — „יחיינו[49] מיומים ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניו״.

(משיחות ש״פ בהר תשל״ג, תשי״ט; ליל ב׳ פסח תשכ״ח)

---

45) ראה סנהדרין צז, סע״א. ראב״ע ורמב״ן פרשתנו (שם, ב). אברבנאל. ועוד.

46) להעיר מאוה״ת פרשתנו ריש ע׳ קפז. ובארוכה ד״ה וכי תאמרו תרע״ח.

47) תניא רפל״ז.

48) ראה המשך תרס״ו ע׳ קה. וראה ס׳ הליקוטים — דא״ח דהצ״צ מע׳ לעתיד לבא (ע׳ תרכט ואילך. וש״נ) ע״ד ג׳ התקופות: ימוה״מ, תחה״מ ואלף השביעי. ועוד.

49) הושע ו, ב. וראה אוה״ת עה״פ.